# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**5:46**
מוצאי שב"ק...................**7:14**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איכה ד'-ה'
בבלי.......................עירובין ע"ו
ירושלמי....................מגילה ט"ז
תוספתא..................בבא קמא ז'
רמב"ם......סדר התפילות כל השנה


פרשת נח, ו' חשון, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 5 (470)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּשָּׁאֶר אַךְ נֹחַ, זָאגְט רַשִׁ"י אַז נֹחַ הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט צוּ בְּרֶענְגֶען עֶסְן פַאר'ן לֵייב, דֶער לֵייב הָאט אִים גֶעבִּיסְן, אוּן עֶר הָאט שְׁטַארְק גֶעלִיטְן דֶערְפוּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט.) "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, שֶׁאֵין מְרִיבָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא עַל עִסְקֵי תְּבוּאָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן סְ'זָאל אַלְץ זַיין גֶענוּג עֶסְן אִין שְׁטוּב, וַוייל אַלֶע קְרִיגֶערֵייעֶן הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען סְ'פֶעלְט עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, דַאן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז נָאךְ פִיל עֶרְגֶער פוּן אַ בִּיס פוּן אַ לֵייב, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ס"א.) "אֲחוֹרֵי אֲרִי וְלֹא אֲחוֹרֵי אִשָּׁה", סְ'אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דָאס עֶסְן פַאר'ן לֵייב, אַזוֹי וִוי סְ'הָאט פַּאסִירְט צוּ נֹחַ, וִוי צוּ שְׁפֶּעטִיגְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי פַארְלִירְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת. וַוייל אָן שָׁלוֹם בַּיִת, אָן לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, הָאט אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן זַיין וַוייבּ, וַוייל עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית י"ב, ט"ז) "וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט רָבָא אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין שְׁטָאט אַז זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן וָואס עֶר דַארְף צוּ בַּאקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער, קוּמְט אַלֶעס נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ. אוֹיבּ וִויל אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח מִיט עֲשִׁירוּת, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין הוֹיז, אוּן דַאן וֶועט קוּמֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אִין דֶעם הוֹיז, אוּן זֵיי וֶועלְן גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן.

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס פָּשׁוּט אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע זַאךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט מִיט זַיין וַוייבּ, דַאן הָאט עֶר אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, עֶר לֶעבְּט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן עֶר הָאט הַרְחָבַת הַדַּעַת, אוּן דַאן אִיז אִים שׁוֹין גְרִינְג צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ.

אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶער מֹחַ צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַ זַאךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

אוּן נָאךְ מֶער אִיז דָאס וִויכְטִיג בְּרוּחֲנִיּוּת. אַ אִיד קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת נָאר אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר לִיבּ אוּן עֶר שֶׁעצְט אִיר. חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ב) "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין כ"ט.) "נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה אוּן עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ אוּן עֶר הָאט אִיר לִיבּ, דַאן הָאט עֶר אַ קְלָארֶע אוּן בְּרֵייטֶע מֹחַ, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן קַיין אַנְדֶערֶע וַוייל עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ, אוּן דַאן קֶען עֶר רוּאִיגֶערְהֵייט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נֹחַ תשע"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ לוֹיפְסְטוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אַ קָאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוֶוענֶען גֶעהֶעריג נָארְמַאל, אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה; פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוֶוענֶען, פַארְלִירְט מֶען נָאר סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶעריג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כֵּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי כֵּלִי אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט דֶעפְּרֶעסְיֶע; אֲפִילוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן יֶעצְט פַּרְנָסָה פוּן דִי רֶעגִירוּנְג וָואס פַּארְטֵיילְט גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער פַאר אַרְבֶּעטְסְלָאזֶע - דַארְפְן אוֹיךְ זַיין פַארְנוּמֶען, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג; גֵיין לֵיידִיג הַרְגִ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס הַרְגִ'עֶט דִי שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דִי אִינְגֶעלַייט מִיט דֶעם; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פְּשַׁט אִין דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ", עֶס אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ אַרְבֶּעטְן, "שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן", אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען אַרְבֶּעט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס שְׁטֵייט 'מְשַׁכַּחַת עָוֹן', אַ לָשׁוֹן פוּן שִׁכְחָה, דָאס הֵייסְט אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען אַרְבֶּעט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט צוּ זִינְדִיגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"א)

>>>>>>

נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט "מִנְיָן", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ "דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן", אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיב דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

## וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן וִוי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיב דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשַׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר וִויל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ, דִי פָּרִיצְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי וִויל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ'ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְוִוישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פָּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ "בִּטָחוֹן")

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְלִירְן וָואג גְרִינְגֶערְהֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶה.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף אַ דַייעֶט, אִיךְ וֶוער פֶעשֶׁער פוּן טָאג צוּ טָאג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גוֹי'אִישֶׁער דֵייעֶטִישְׁן, אִיךְ וִויל קֶענֶען עֶסְן נָארְמַאל אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן אִיבְּרִיגֶע עֶסְן, אוּן אַזוֹי אָפְּפַאלְן פוּנְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ צוּ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן אִיבְּרִיג, אוּן פַארְלִירְן וָואג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט, דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן; בְּסַךְ הַכֹּל בִּיסְטוּ אַבִּיסְל אִיבֶּערְוָואגִיג, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הֶענְט; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט אַלֶעס אָן גְרִינְג, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען עֶסְט גֶעזוּנְט; שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלְצְדִינְג.

אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר דָאס אַז דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְוָואגִיג - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר; נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען דַארְף, צִי דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אַ קְלֵיינִיקֵייט וָואס שְׁטֶערְט וְכַדוֹמֶה, אוֹיף אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט, זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל עֶסְן גֶעזוּנְט, דִי עֶסְן זָאל זִיךְ פַארְדֵייעֶן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, עֶס זָאל מִיר זַיין גְרִינְג דָאס גֵיין אוּן קוּמֶען, עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט מִיטְלֶען אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס, עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט מִיר. אִיךְ הֵייבּ אָן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶס, אָבֶּער גְלַייךְ דֶערוֹיף פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אוּן אִיךְ נֶעם צוּ מֶער אוּן מֶער וָואג, עֶס וֶוערְט מִיר אַלֶעס זֵייעֶר שְׁוֶוער. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג; עֶס אִיז מַיין גֶעזוּנְט, עֶס אִיז מַיין בַּאוֶועגוּנְג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ זָאל עֶסְן נָאר גֶעזוּנְט אוּן נִישְׁט מֶער וִויפִיל אִיךְ דַארְף, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט".

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן 'שִׂמְחָה' אוּן 'תְּפִילָה' - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"א)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פ)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן פְּלַאנְט זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע.

שכו

אִין יֶענֶעם יָאר הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן הרה"ק מִקַּאלִיסְק זי"ע, אוּן דָאס אִיז דֶער בְּרִיוו:

**שָׁלוֹם וְיֶשַׁע רַב לִדְבִתְוָונָא דְלִבָּאִי יָתִיב, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, קָדוֹשׁ יֵאָמֵר לוֹ, אִתּוֹ חָכְמָה וְדַעַת הַשְׂכֵּל, כְּבוֹד קְדֻשַּׁת שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי נַחְמָן, מִגֶּזַע הַקֹּדֶשׁ נֶכֶד הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל, יָגֵן עָלֵינוּ, לָנֶצַח יָאִיר. אוֹר ה' עָלָיו יִזְרַח וּלְכָל בְּנֵי בֵּיתוֹ וְהַנִּלְוִים אֵלָיו, שָׁלוֹם רַב אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

אִיךְ וִויל אַייךְ לָאזְן וִויסְן דִי נַייעֶס פוּן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז אוּנְזֶער שָׁלִיחַ פוּן דָאס יָאר פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם חוֹדֶשׁ שְׁבַט, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן אַ גְרוֹיס פוּן אַייךְ, אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז הַאלְט וַוייטֶער אָן, אִיר פְּרוּבִּירְט אוּנְז צוּ הֶעלְפְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַאֶרֶץ, אִיר זֶענְט אַלֵיין גֶעפָארְן צוּם לַאנְד רֵייסְן פַאר אוּנְזֶער וֶועגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֵייבִּיג זַיין מִיט אַייךְ.

נָאכְדֶעם וָואס אִיר זֶענְט אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן אוּנְז, הָאט אִיר שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶער שָׁלִיחַ פוּן פַארְיָאר, מוֹרֵנוּ הָרַב ר' אֱלִיעֶזֶר, אַלֶעס וָואס אִיז דָא אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, אוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ דוּרְכְגֶעקוּמֶען מִיט דִי אִידְן וָואס קוּמֶען פוּן וָואהלִין, מִיר הָאבְּן אָבֶּער דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעמָאנְט פוּן זֵיי קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן צַעַר אוּן דַאֲגוֹת אִיבֶּערְ'ן מַצָּב, מִיר הָאפְן אוּן וַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, וַוייל אוּנְזֶער יְשׁוּעָה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען פוּן קַיין שׁוּם פְּלַאץ, אוֹיךְ פוּן לַאנְד רֵייסְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם יְדִיעָה וָואס טוּט זִיךְ דָארְט אִין דֶעם עִנְיָן.

נָאכְדֶעם וָואס אִיר פָּארְט אַהִין, אוּן דֶערְצֵיילְט זֵיי אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ, הָאפְן מִיר אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז דֶערְצֵיילְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַלֶעס וָואס אִיר הָאט דָארְט גֶעטוּן.

אִיר דַארְפְט וִויסְן אִיבֶּער דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג פַארְ'ן שַׂר, אַלֶעס וָואס מִיר בַּאצָאלְן, אוּן סְ'אִיז מַמָּשׁ שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן פוּן דָאס אַלֶעס וָואס מְ'פַּייניגְט אוּנְז אוּן מְ'מָאנְט פוּן אוּנְז כְּסֵדֶר מִיט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן אִיבֶּערְשְׁרֶעק. עֶס אִיז מַמָּשׁ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת בִּיז מִיר טְרֶעפְן יֶעדֶעס מָאל נָאר דִי וִויכְטִיגְסְטֶע וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָן דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְז צוּ דִי קְרִיטִישֶׁע גֶעבְרוֹיכְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בְּהֶסְתֵּר פָּנִים, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אִים אוּן אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אוּנְז דֶערְפְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג זָאל שׁוֹין קוּמֶען פְרֵיילִיכֶע טֶעג.

פוּן דָא אוּן וַוייטֶער אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְ'ן כְּתַב יַד קָדְשׁוֹ פוּן הרה"ק מִקַּאלִיסְק זי"ע, **"אֲנִי בְּעֹז אֲהַבְתִּי אַהֲבַת תָּמִיד, תְּהִלָּתוֹ בְּפִי בְּעִטּוּר וְעִטּוּף נַפְשִׁי לַה', יָאִיר ה' פָּנָיו אִתּוֹ מֵאֲתַר בֵּית שְׁכִינְתֵּיהּ, וְנָהִיר עֲלוֹהִי הוֹלֵךְ וְאוֹר בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשׁוֹ אוֹר עוֹלָם, וְיֶחֱזַק בְּמָעֻזּוֹ עֹז מֵה', סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחְשָׁבָה תְּחִלָּה, וְנַפְשִׁי יוֹדַעַת מְאֹד בִּרְחִימוּ לָנֶצַח, וְדוֹרֵשׁ שְׁלוֹם תּוֹרָתוֹ וּמַעְתִּיר בַּעֲדוֹ, כְּמוֹ כֵן יַעֲשֶׂה גַם הוּא לְהַעְתִּיר בַּעֲבוּרִי בְּכָל עֵת"**. דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיין לִיבְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי עֶר בֶּעט כְּסֵדֶר פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג בֶּעט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אוֹיךְ פַאר אִים.

**נְאוּם הַקָּטָן אַבְרָהָם בֶּן אֲדוֹנִי אָבִי מוֹרֵנוּ הָרַב אַלֶכְּסַנְדֶר כַּ"ץ זִכְרוֹ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא.**

**נֶכְדִּי הָאַבְרֵךְ מוֹרֵנוּ הָרַב יִשְׂרָאֵל אֱלִיעֶזֶר שֶׁיִּחְיֶה דוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ מִלֵּב וָנֶפֶשׁ וּמִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתוֹ.**

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ פַאל אַסַאךְ אִין קְדוּשָׁה, דִי אוֹיגְן הִיט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, אִיךְ לוֹיף נָאךְ עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ הָאב שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאב אַסַאךְ עֲלִיּוֹת, אָבֶּער נָאךְ פִיל מֶער יְרִידוֹת, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?

אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וִויפִיל אִיךְ קֶען, אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג. אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז רוֹב מָאל וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן הָאב אִיךְ פּוּנְקְט יֶענֶעם עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעלָאזְט, אָדֶער דָאס מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת וֶועלְן אִים נָאכְלוֹיפְן אוּן אִים פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ כַאפְן; זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוארְפְן אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר גֵייט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְכְדֶעם הַרְגְ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): **"צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'"**, וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר פַאלְט צִי נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וִויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין וִוילְן; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דָאךְ גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט נָאךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען וִויל זַיין גוּט הֵייבְּט מֶען אָן פַאלְן, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן הֵייבְּט מֶען אָן הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): **"כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן"**, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען וִוי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"**; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין**
**אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**



>>>>>>

### שכז

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער אָדְל. דִי חֲתוּנָה אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט חְמֶעלְנִיק, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז.

בַּיי דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אוֹיךְ בַּאטֵיילִיגְט זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵּיְגָא, אוּן זִי הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי חוּפָּה אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶיקֶת אוּן בַּעֲלַת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִירֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִיר גֶעהַאלְטְן מַמָשׁ וִוי אֵיינֶע פוּן דִי נְבִיאוֹת.

### שכח

נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער רֶבִּי אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט זַיין דְרִיטְן טָאכְטֶער, מִרְיָם, מִיט רֶבִּי פִּנְחָס, אַ זוּן פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶנְדִיג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיר שׁוֹין מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט רֶבִּי שְׁמוּאֵל, אַ זוּן פוּנֶעם גְבִיר רֶבִּי מֹשֶׁה זי״ע, דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדְל מְוִויטֶעבְּסְק זי״ע [וִוי דֶערְמַאנְט אוֹיבְן אִין אוֹת רנ״ה], וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶּער צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אִיז דֶער חָתָן רֶבִּי שְׁמוּאֵל נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מִיט אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי יָאר שְׁפֶּעטֶער, אִין יָאר תקס״א, אִיז אוֹיךְ זַיין טַאטֶע רֶבִּי מֹשֶׁה נִפְטָר גֶעוָוארְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ מִיט אִיר.

### שכט

גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן דֶער שִׁידוּךְ פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם, אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וָואס אִיז וַוייט 263 קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט חְמֶעלְנִיק.

### של

דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וָואס אִיז נָאר 28 קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן שְׁטָאט שְׁפּוֹלִי.

### שלא

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל לָאזְן וִויסְן פְרִיעֶר דִי אָרְטִיגֶע קְהִלָה, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעדִינְגֶען דָארְט אַ דִירָה, אוּן הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג דָארְט בַּאזֶעצְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

## שְׁנַת תקס״א

### שלב

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תקס״א זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי״ן אַסַאךְ אִידְן, אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט פַאר זֵיי, וַוייל עֶר אַלֵיין אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דָארְט אַ גַאסְט, עֶר הָאט זִיךְ אַהִינְגֶעצוֹיגְן מַמָשׁ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן אָבֶּער זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלֶע גֶעסְט בַּיי זִיךְ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי״ן עֶר זָאל קוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין שְׁטָאט, וַוייל דָארְט וֶועט זַיין בְּרֵייט פְלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַ גֶעשְׁמַאקְן פַארְנֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג אוּן הָאט גֶעדַאוְונְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דִי אִידְן פוּן שׁוּל הָאבּ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן רֶבִּי״ן, עֶר זָאל זָאגְן וֶוער סְ׳זָאל זַיין דִי בַּעֲלֵי תְּפִלוֹת, דִי תְּקִיעוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

### שלג

יֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק "וְיִתֶּן עֹז לְמַלְכּוֹ" (שְׁמוּאֵל-א׳ ב׳, י׳), וָואס מְ׳זָאגְט אִין דִי הַפְטוֹרָה דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי תּוֹרָה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ע״ח.

### שלד

**יוֹם כִּיפּוּר** הָאבְּן דִי חַזָנִים גֶעדַאוֶוענְט לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, צוּ מִנְחָה אִיז אָבֶּער צוּגֶעגַאנְגֶען אֵיינֶער אָן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי״ן, אוּן וֶוען סְ׳אִיז גֶעקוּמֶען צוּ נְעִילָה הָאט יֶענֶעמְ׳ס אֵיידֶעם אוֹיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען פַארְ׳ן עָמוּד אָן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי״ן, עֶר אִיז אָבֶּער שְׁטוּם גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועקְגֵיין פוּן עָמוּד מִיט גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת, אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַנְשְׁטָאט אִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## צוגרייטונגען צום

## סיום מסכת עירובין

נאך די גרויסע הצלחה ביים שיינעם סיום מסכת שבת, אין די ראמען פונעם דף הקהלה, דעם פארגאנגענעם זומער. ווען אנשי שלומינו האבן גאר שטארק הנאה געהאט פונעם הערליכן רייכן פראגראם, און דאס האט געגעבן א שטארקע שטופ צו לערנען יעדן טאג כאטש א בלאט גמרא, גרייט מען זיך יעצט צום סיום מסכת עירובין וואס וועט פארקומען אי״ה אין די נאנטע וואכן.

דעם קומענדיגן מוצש״ק פרשת תולדות וועט זיין דער סיום, מ׳ארבעט יעצט אויף גאר א רייכער פראגראם פאר׳ן סיום, מיט פילע איבעראשונגען, פון וואס יעדער וועט זיכער שטארק הנאה האבן, און זיך שטארקן מיט׳ן לימוד גמרא יעדן טאג חק ולא יעבור.

איינצלהייטן איבער דעם סיום וועט נאכפאלגן אי״ה.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## שיינע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די פארגאנגענע וואך האבן די בחורים פון ישיבה און אנשי שלומינו זיך מיטגעפריידט ביי די חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן מו״ה יוסי ב״ר אליהו קורץ הי״ו, וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב״ג בת מו״ה מיכאל אלטמאן הי״ו.

עס איז געווען א פרייליכע חתונה, מ׳האט זיך געפריידט און געטאנצן און משמח געווען די חתן כלה אויף א הערליכן פארנעם.

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א שיינע שבע ברכות אין קרית ברסלב ליבערטי, צוגעשטעלט דורך די קהלה. ביים שבע ברכות האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט איבער דעם אז נאר דער אייבערשטער איז דער וואס מאכט שידוכים, דער אייבערשטער פירט אויף פארשידענע סארט וועגן אז א שידוך זאל צושטאנד קומען, און גלייכצייטיג ארויסגעברענגט פאר די אלע וואסווארטן נאך אויף זייער שידוך, אז די איינציגסטע אדרעס צו ווען זיך צו ווענדן איז נאר צום אייבערשטן אליין, נאר אים קען מען בעטן, ווייל עס ליגט נאר אין זיינע הענט.

ווי אויך דער ראש ישיבה שליט״א ארויסגעברענגט די מעלה פון תמימות, ווען א איד גייט נישט מיט חכמות, נאר פאלגט אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט און וואס די צדיקים זאגן, דורך דעם איז מען זייער מצליח. ובפרט נאך די חתונה דארף מען זיך נאך מער שטארקן צו האבן א צדיק, א מורה דרך, וואס זאל ווייזן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי זיך צו פירן אין יעדן היניזכט, און אזוי קען מען מצליח זיין אין לעבן און אויסלעבן די יארן גליקליך און צופרידן.

נאכ׳ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ לכבוד שמחת חתן וכלה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **יוסי קורץ** הי״ו, ברסלב
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב״ג**

***

מו״ה **עזרא בוים** הי״ו, בארא פארק
**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין בחור**
הבחור החשוב **נפתלי בוים** הי״ו

## ביסט נישט פארפאלן

**נישט קיין חילוק וואס דו ביסט דורכגעגאנגען, נישט קיין חילוק וואס דו האסט געטון, האסטו נאכאלץ א וועג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 14**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**